**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 1.68 מיליאן דאלאר אין גרענטס דורך ניו יארק סטעיט'ס 'פארזיכערן פרויען העלט צענטערן' פראגראם

***פינאנצירונג וועט ערלויבן 20 העלטקעיר נעטווארקס און נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס צו פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען פאר פאציענטן און איינגעשטעלטע ביי 51 לאקאציעס איבערן סטעיט***

***יעדע פלאץ וועט באקומען ביז $50,000 צו העלפן פארזיכערן זיכערע צוטריט צו סערוויסעס***

***ניו יארק סטעיט האט אוועקגעשטעלט דעם גרענט פראגראם נאכפאלגנדיג די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט'ס 2022 אורטייל אין דעם Dobbs v. Jackson Women's Health Organization פאל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 1.68 מיליאן דאלאר אין גרענטס דורך ניו יארק סטעיט'ס 'פארזיכערן פרויען העלט צענטערן פראגראם' (Securing Reproductive Health Centers Program) וואס וועט ערלויבן 20 העלטקעיר נעטווארקס און נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס צו פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען פאר פאציענטן און איינגעשטעלטע ביי 51 לאקאציעס וועלכע זיי האלטן אפן אריבער די סטעיט. יעדע פלאץ וועט באקומען ביז $50,000 צו העלפן פארזיכערן זיכערע צוטריט צו געזונטהייט סערוויסעס ארום קינדער געבורט און אבארשען סערוויסעס. ניו יארק סטעיט האט אוועקגעשטעלט דעם גרענט פראגראם נאכפאלגנדיג די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט'ס 2022 אורטייל אין דעם *Dobbs v. Jackson Women's Health Organization* פאל.

"עס קומט זיך פאר פרויען די רעכט צו קענען מאכן זייערע אייגענע באשלוסן איבער זייערע אייגענע קערפערס, האבנדיג די אינפארמאציע פון פארלעסליכע העלט קעיר פראפעסיאנאלן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרענטס וועלן העלפן באשיצן צוטריט צו אבארשען און פארזיכערן אז דאקטוירים קענען פארזעצן צו צושטעלן קריטישע סערוויסעס פאר די וועלכע נויטיגן זיך דערין. אין די צייט וואס עקסטרעמיסטן אין די געריכט הייזער און אין אנדערע סטעיטס זעצן פאר מיט זייער אטאקע אויף אונזערע רעכטן וועט ניו יארק שטענדיג קעמפן צו שטיצן די העלט קעיר פראפעסיאנאלן און אלע פאציענטן וועלכע נויטיגן זיך אין קעיר."

"מיר וועלן נישט צוריקדרייען דעם זייגער ווען עס קומט צו פרייהייט ביים געבוירן קינדער אין ניו יארק," **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו געזאגט.** "מיט די גרענטס קענען מיר פארזיכערן אז העלטקעיר נעטווארקס און נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס קענען פארזעצן צו צושטעלן זיכערע און צוגענגליכע אבארשען סערוויסעס. די סטעיט וועט פארבלייבן א זיכערע האפן פאר סיי ווער וואס ווענדט זיך אהער צו באקומען די פולע ליסטע פון קינדער-געבורט העלטקעיר אפציעס וואס זיי דארפן און וואס קומען זיך זיי."

דער 'פארזיכערן פרויען העלט צענטערן פראגראם' איז איין באשטאנדטייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלאן צו נאך מער אפהיטן, באשיצן און פארשטערקערן קינדער-געבורט רעכטן און צוטריט צו אבארשען נאכפאלגנדיג דעם *Dobbs* אורטייל וואס האט איבערגעדרייט די באשיצונגען וועלכע זענען וואָקגעשטעלט געווארן מיט דעם *Roe v. Wade* אורטייל און זענען געווען אין קראפט פאר 50 יאר. פובליק, נאנ-פראפיט און פריוואטע פראָוויידערס זענען געווען בארעכטיגט צו בעטן פינאנצירונג פון די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) צו טרעניר‌ן זיכערהייט אפיצירן און איינגעשטעלטע, און אזוי אויך פאר פראיעקטן וועלכע רעכענען אריין צווישן אנדערע באלייכטונג ארום די געביידע; אלארם סיסטעמען מיט א פובליק אדרעס; סיסטעמען וואס פארשפארן די טירן; קאמעראס, פארשטערקערן טירן, שלאסן און אנדערע פארבעסערונגען צו די צוטריט קאנטראל סיסטעם; און אזוי אויך פענסטער און גלאז וואס ווערן נישט צושאסן. די 20 נעטוארקס וועלן באקומען א סך הכל פון $1,686,786.66 פאר זיכערהייט פארשטערקערונגען און פארבעסערונגען ביי 51 פלעצער.

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָ, האט געזאגט,** "די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס איז פארפליכטעט צו א זיכערע און יושר'דיגע ניו יארק. מיט גאווערנער האקול'ס שטיצע זענען מיר שטאלץ צו העלפן פארזיכערן פרויען העלט צענטערן און באשיצן דאקטוירים, איינגעשטעלטע און מענטשן וועלכע ווענדן זיך פאר קעיר. מיר זענען דאנקבאר פאר די קריטישע פראָוויידערס וועלכע טרעפן זיך צו אפט אויף די פארנט ליניעס אין א נאציאנאלע קאמף וואס וואלט שוין לאנג געדארפט זיין א חלק פון היסטאריע. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנטשיידענע פירערשאפט אויף פובליק זיכערהייט און פרויען'ס רעכטן."

ניו יארק סטעיט האט אויך א צענטראלע וועבזייטל וואו אלע אינפארמאציע איבער אבארשען רעכטן, פראָוויידערס, שטיצע און באצאלונג אפציעס זענען פארעפנטליכט און אזוי אויך א לאנד'ס-ערשטע 25 מיליאן דאלארדיגע אבארשען פראָוויידער שטיצע קאסע אונטער אויפזיכט פון די סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH), צו פארברייטערן מעגליכקייטן און פארזיכערן צוטריט פאר פאציענטן וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר אין ניו יארק.

**העלט דעפארטמענט צייטווייליגער קאמישאנער, דר. דר. דזשעימס מעקדאנעלד,** "מיר טוהען אלעס וואס מיר קענען צו זיכער מאכן אז אבארשען בלייבט זיכער, לעגאל און צוגענגליך אין ניו יארק סטעיט, טראץ וואס עס איז געשעהן אין די פעדעראלע געריכט הייזער. די אינוועסטירונג דורך די גאווערנער וועט העלפן האלטן פראָוויידערס זיכער און פארזיכערט אזוי ווי זיי ארבעטן צו נאכקומען די העלטקעיר באדערפענישן פון מענטשן וועלכע ווילן מאכן זייערע אייגענע באשלוסן איבער זייער קינדער-געבורט געזונטהייט און זייער צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע ליז קרוגער האט געזאגט,** "די רעכטן פון אמעריקאנער צו מאכן די סאמע פערזענליכסטע באשלוסן איבער זייער אייגענע קינדער-געבורט העלט קעיר געפונט זיך אונטער אטאקע ווי קיינמאל בעפאר, און דאס מיינט אז די וועלכע שטעלן זיך אויף פאר די פרייהייט פון אמעריקאנער און פאר זייערע רעכטן אויף זייער אייגענע קערפער דארפן אונטערנעמען שריט אויף מערערע פראנטס צו האלטן די רעכטן פארזיכערט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן ברענגען די פינאנצירונג צו העלפן באשיצן פראָוויידערס, פאציענטן און פאמיליעס אין ניו יארק פון די וואקסנדע געוואלדטאטן פון אנטי-אבארשען עקסטרעמיסטן."

די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע טיילן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכענענדיג – אבער נישט נאר – טרעניר‌ן געזעץ אינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנאלן; אויפזעהען אויף א געזעץ אינפארסירונג אקרעדיטיעישען פראגראם; פארזיכערן אז אלקאהאל אטעמען טעסטס און שנעלקייט אינפארסירונג עקוויפמענט וועלכע

ווערן גענוצט דורך לאקאלע געזעץ אינפארסירונג ארבעטן ריכטיגערהייט; פארוואלטן אויף קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; אנאליזירן פארברעכן און פראגראם ציפערן איבערן סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; אויפזעהן קאונטי פראובעישען דעפארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען; און קאארדינירן יונגווארג יוסטיץ פאליסי. פאַלאָוט די DCJS אויף Facebook און Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן